בעזרת השם יתברך

ספר

# אֲשֶׁר הָיָה אֶל יוֹאֵל

דברות קודש וואס מיר האבן געהאט די זכיה צו הערן

**פונעם ראש ישיבה שליט"א**

שבת קודש פרשת משפטים, שנת תשפ"ג לפרט קטן, און פרשת תרומה, שנת תשפ"ב, ביי שלש סעודות.

# היכל הקודש ברסלב

**181 Huschke Road,** Liberty NY 12747

היכל הקודש
## וויליאמסבורג
**27 Skillman Street**
Brooklyn NY 11205
**718.384.1652**

היכל הקודש
## בארא פארק
**4801 11th Ave,**
Brooklyn NY 11219
**347.760.5924**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Hayes Ct.**
Monroe NY 10950
**845.467.5299**

היכל הקודש
## קרית יואל
**8 Premishlan Way.**
Monroe NY 10950
**845.243.0563**

היכל הקודש
## בלומינגראוו
**24 Merriewold LN S**
Monroe NY 10950
**845.238.0804**

היכל הקודש
## מאנסי
**32 Dolson Road**
Monsey NY 10952
**347.733.7551**

היכל הקודש
## ירושלים
**רחוב רבי נחמן מברסלב 15**
**054.845.6150**

היכל הקודש
## בני ברק
**רחוב ירושלים 2**
**052.760.5715**

נדפס ע"י

## קרן הדפסה
## היכל הקודש
2623 State Route 52
Liberty, NY 12754
**718.387.2691**
www.BreslevCenter.com

צו הערן די
הערליכע שיעורים
פונעם ראש ישיבה שליט"א
רופט:

**קול ברסלב**
**212.444.9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212.444.9169**

**שַׁבָּת קוֹדֶשׁ פַּרְשַׁת מִשְׁפָּטִים, שַׁבָּת שְׁקָלִים, שַׁבָּת מְבָרְכִים חוֹדֶשׁ אֲדָר, שְׁנַת תשפ"ג לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין שְׁטֶעטְל, קִרְיַת בְּרֶסְלֶב – לִיבֶּערְטִי יע"א. בַּיי סְעוּדָה שְׁלִישִׁית הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פָארְגֶעלֶערְנְט סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן מ"א אוּן מ"ב.**

**אֵיידֶער דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעדְן הָאט מֶען גֶעזִינְגֶען דֶעם נִיגּוּן: "אוֹר פָּנֶיךָ עָלֵינוּ אָדוֹן נְשָׂא, וְשֶׁקֶל אֶשָּׂא בְּבֵית נָכוֹן וְנִשָּׂא, וּבְצֶדֶק הֶגֶה עֶרֶךְ כִּי תִשָּׂא".**

**דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן: מֶען הָאט הַיינְט גֶעבֶּענְטְשְׁט רֹאשׁ חוֹדֶשׁ אֲדָר, דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן** (תַּעֲנִית כט.)**: "מִשֶּׁנִּכְנַס אֲדָר מַרְבִּין בְּשִׂמְחָה", דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט** (שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן קלא) **אַז עֶס קוּמְט יֶעצְט יוֹם הַפּוּרִים וָואס אַלֶע אִידְן גֵייעֶן טַאנְצְן אוּן פַּאטְשְׁן גֵייט וֶוערְן הַמְתָּקַת הַדִּינִים, וֶועלְן מִיר לֶערְנֶען צְוֵויי שִׂיחוֹת פוּן רֶבִּי'ן אִיבֶּער דָאס גְרוֹיסְקֵייט פוּן שִׂמְחָה.**

## שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן מ"א

**זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי: לֵב נִשְׁבָּר וְעַצְבוּת - אֵינוֹ עִנְיָן אֶחָד כְּלָל, מֶענְטְשְׁן מִישְׁן אוֹיס דִי יוֹצְרוֹת, מֶען מֵיינְט אַז אוֹיבּ מֶען אִיז בְּעַצְבוּת הָאט מֶען אַ לֵב נִשְׁבָּר, זָאגְט דֶער רֶבִּי עֶס אִיז נִישְׁט אַזוֹי, אַ מֶענְטְשׁ מִיט אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ אוּן אַ מֶענְטְשׁ וָואס אִיז דֶערְבִּיטֶערְט פוּן פַארְלוֹירְנְקֵייט – דָאס אִיז צְוֵויי בַּאזוּנְדֶערֶע זַאכְן. כִּי לֵב נִשְׁבָּר הוּא בַּלֵּב אַ 'לֵב נִשְׁבָּר' אִיז אִין הַארְץ, אֲבָל עַצְבוּת הוּא בָּא מִן הַטְּחוֹל אוּן עַצְבוּת קוּמְט פוּן דִי טְחוֹל, וְעַצְבוּת שֶׁהוּא מֵהַטְּחוֹל, הִיא סִטְרָא אַחֲרָא עַצְבוּת וָואס קוּמְט פוּן דִי טְחוֹל אִיז סִטְרָא אַחֲרָא, וְהַקָּדוֹשׁ־בָּרוּךְ־הוּא שׂוֹנֵא אוֹתָהּ אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶס פַיינְט, אֲבָל לֵב נִשְׁבָּר הִיא חָבִיב לִפְנֵי הַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ, כִּי לֵב נִשְׁבָּר יָקָר מְאֹד מְאֹד בְּעֵינָיו יִתְבָּרַךְ אָבֶּער אַ 'לֵב נִשְׁבָּר' אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ אִיז זֵייעֶר טֵייעֶר אוּן בַּאלִיבְּט בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן.**

**וְהָיָה טוֹב שֶׁיִּהְיֶה לוֹ לֵב נִשְׁבָּר**

כָּל הַיּוֹם, בְּעֶצֶם וָואלְט גֶעוֶוען אַ גוּטֶע זַאךְ אַרוּם צוּ גֵיין אַ גַאנְצְן טָאג מִיט אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ ווייל דָאס אִיז מוֹרָא׳דִיג חָשׁוּב בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַףְ אֲנָשִׁים כְּעֶרְכְּכֶם יְכוֹלִין לָבוֹא מִלֵּב נִשְׁבָּר לְעַצְבוּת. אָבֶער אוּנְז פָּשׁוּט׳עֶ מֶענְטְשְׁן קֶענֶען אַרַיין פַאלְן דוּרְךְ ׳לֵב נִשְׁבָּר׳ אִין אַ עַצְבוּת וָואס דָאס אִיז זֵייעֶר אַ נִישְׁט גוּטֶע זַאךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט עֶס פַיינְט. גֶעבְּט אוּנְז דֶער רֶבִּי אַן עֵצָה, עַל־כֵּן צְרִיכִין לְיַחֵד אֵיזֶה שָׁעָה בַּיּוֹם מֶען זָאל זִיךְ מַאכְן אַ צַייט אִין טָאג, אָדֶער צוּפְרִי אָדֶער בַּיינַאכְט, וֶוען עֶס קוּמְט אוֹיס גוּט פַארְ׳ן מֶענְטְשׁ, שֶׁיִּהְיֶה לוֹ לֵב נִשְׁבָּר, דְּהַיְנוּ לְהִתְבּוֹדֵד וּלְשַׁבֵּר לִבּוֹ לְפָנָיו יִתְבָּרַךְ דֶעמָאלְט זָאלְסְטוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, (כַּמְבֹאָר בְּמָקוֹם אַחֵר אַזוֹי ווִי עֶס וֶוערְט אוֹיסְגֶעשְׁמוּעֶסְט אִין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּי'נְ'ס סְפָרִים), **אֲבָל שְׁאָר כָּל הַיּוֹם כֻּלּוֹ יִהְיֶה רַק בְּשִׂמְחָה** אָבֶער אַ גַאנְצְן טָאג דַארְף מֶען אַרוּם גֵיין נָאר מִיט שִׂמְחָה.

## שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי!

מִיט וָואס זָאל אִיךְ זִיךְ פְרֵייעֶן? מִיטְ׳ן ׳שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גּוֹי׳! אִיךְ פְרֵיי זִיךְ אַז אִיךְ בִּין נִישְׁט קַיין גוֹי, אִיךְ בִּין אַ אִיד, וֶוער רֶעדְט אַז אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ לֵייגְן תְּפִילִין, אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ הִיטְן שַׁבָּת, אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען אִיךְ הָאבּ אַ בָּארְד, אִיךְ הָאבּ פֵּיאוֹת, אִיךְ הָאבּ צִיצִית, אִיךְ הָאבּ אַ מְזוּזָה, אִיךְ עֶס כָּשֶׁרְ׳ס, מֶען דַארְף אוֹיפְזוּכְן אַלֶע גוּטֶע זַאכְן וָואס מֶען טוּט, אוּן זִיךְ אַרַיין לֵייגְן אִין דֶעם, טְרַאכְטְן פוּן דֶעם, אוּן זִיךְ מְחַיֶּה זַיין מִיט דֶעם.

וְעַל זֶה הִזְהִיר אוֹתָנוּ כַּמָּה פְּעָמִים לְהִתְאַמֵּץ וּלְהִתְגַּבֵּר שֶׁלֹּא יִהְיֶה לָנוּ לֵב נִשְׁבָּר רַק אֵיזֶה שָׁעָה בַּיּוֹם, וְעַצְבוּת כְּלָל לֹא. וּשְׁאָר כָּל הַיּוֹם יִהְיֶה בְּשִׂמְחָה דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז זֵייעֶר גֶעוָוארְנְט עֶטְלִיכֶע מָאל אַז מִיר זָאלְן נִישְׁט הָאבְּן קַיין צֶעבְּרָאכֶענֶע הַארְץ נָאר אֵיין מָאל אַ טָאג, ווייל מֶען קֶען דוּרְךְ דֶעם אַרַיין פַאלְן אִין עַצְבוּת, אוּן עַצְבוּת זָאל מֶען קֵיינְמָאל נִישְׁט זַיין, אַ גַאנְצְן טָאג זָאל מֶען זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ.

מֶען דַארְף פָּאלְגְן דֶער רֶבִּי; אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט אַז עֶרְלִיכֶע אִידְן זֶענֶען עֶרְנְסְט אוּן צֶעבְּרָאכְן, זֵיי פִירְן זִיךְ מִיט אַ צֶעבְּרָאכְנְקֵייט צוּ דִי וַוייבּ אוּן קִינְדֶער, אוּן גֶעוֶועגְלִיךְ קוּקְן אַלְץ דִי בָּחוּרִים אִין יְשִׁיבָה אוֹיף דִי סָארְט מֶענְטְשְׁן אוּן מֶען טְרַאכְט 'וִוי אִים דַארְף אִיךְ אוֹיסְקוּקְן, צֶעבְּרָאכְן אוּן נָאכְגֶעלָאזְט', אָבֶּער דֶער רֶבִּי הָאט אוּנְז גֶעזָאגְט אַ לֵב נִשְׁבָּר אִיז טַאקֶע אַ מַדְרֵיגָה אָבֶּער מִיר וֶועלְן מִיט דֶעם אַרַיין פַאלְן אִין עַצְבוּת אוּן מָרָה שְׁחוֹרָה, דֶערְפַאר אִיז נִישְׁט גוּט צוּ זַיין צֶעבְּרָאכְן.

### יֶעדֶער אֵיינֶער אִין זַיין צַייט

וֶוען אִיז דִי גוּטֶע צַייט צוּ בַּאשְׁטִימֶען דִי 'אֵיזֶה שָׁעָה בַּיּוֹם' וָואס מֶען זָאל הָאבְּן אַ לֵב נִשְׁבָּר? דָאס דַארְף שׁוֹין יֶעדֶער אֵיינֶער זֶען וֶוען עֶס קוּמְט אִים אוֹיס בֶּעסֶער.

צוּפְרִי אִיז זֵייעֶר אַ גוּטֶע צַייט פַּאר דֶעם, אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ שְׁטֵייט אוֹיף דִי לֶעצְטֶע מִינוּט אוּן עֶר לוֹיפְט שׁוֹין צוּ דִי אַרְבֶּעט הָאט עֶר נִישְׁט קַיין צַייט, אָבֶּער אַז מֶען שְׁטֵייט אוֹיף פְרִי אִיז עֶס זֵייעֶר אַ גוּטֶע צַייט, וַוייל דֶעמָאלְט אִיז דֶער מֶענְטְשׁ אוֹיסְגֶערוּט אוּן דִי אֱמוּנָה אִיז שְׁטַארְק, גֵייט מֶען אַבִּיסְל הִתְבּוֹדְדוּת, מֶען מַאכְט זִיךְ אַ חֶשְׁבּוֹן הַנֶּפֶשׁ, אוּן מֶען גֶעבְּט נָאכְאַמָאל אִיבֶּער דֶעם טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן מֶען פְרֶעגְט "וָואס וֶועט זַיין דָא רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם? וֶוען וֶועל אִיךְ דִיךְ אָנְהֵייבְּן צוּ דִינֶען?" אַזוֹי רֶעדְט יֶעדֶער אֵיינֶער בִּפְרָטֵי פְּרָטִיּוּת.

עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען צוּגֶעוואוֹינְט אוֹיפְצוּשְׁטֵיין צוּפְרִי, נָאכְדֶעם זֶענֶען דָא מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אוֹיף בַּיינַאכְט, אַ נַאכְט פוֹיגֶל, וֶוען אַלֶע גֵייעֶן שׁוֹין שְׁלָאפְן נֶעמְט עֶר אַרוֹיס זַיינֶע סְפָרִים, דֶעמָאלְט הֵייבְּט עֶר אָן זַיין טָאג. מֶען קֶען עֶס נִישְׁט יֶעצְט טוֹישְׁן; פַּאר אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ בִּין אִיךְ גֶעוֶוען צוּגֶעוואוֹינְט נָאךְ פוּן יְשִׁיבָה וואוּ אִיךְ הָאבּ גֶעלֶערְנְט אַלְס בָּחוּר אַז נָאר אוֹיבּ מֶען שְׁטֵייט אוֹיף פַארְטָאגְס קֶענְסְטוּ זַיין אַ אִיד, וֶוען אִיךְ בִּין גֶעקוּמֶען צוּ מוֹהֲרָא"שׁ הָאבּ אִיךְ פַארְשְׁטַאנֶען אַז טוּ וִוי אַזוֹי דוּ קֶענְסְט עֶס בַּאוַוייזְן, אַז דוּ קֶענְסְט בַּאוַוייזְן צוּ לֶערְנֶען

צוּפְרִי, לֶערְן צוּפְרִי, אוּן אַז דוּ קֶענְסְט עֶס נִישְׁט בַּאוַוייזְן, עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס שְׁטֵייעֶן אוֹיף שְׁפֶּעט, פַּארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶר כַאפְּט זְמַן קְרִיאַת שְׁמַע אָבֶער עֶר גֵייט צוּרִיק שְׁלָאפְן, זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען בַּיינַאכְט, לֶערְן וֶוען עֶס קוּמְט דִיר אוֹיס גוּט.

דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ אִיז מִיט הִתְבּוֹדְדוּת, אֵיין מָאל אַ טָאג מוּז מֶען זִיךְ מְיַשֵּׁב זַיין, אוּן דֶער מֶענְטְשׁ דַארְף זֶען וֶוען עֶס קוּמְט אִים אוֹיס גוּט, אַז דוּ קֶענְסְט בַּאוַוייזְן זִיךְ בַּאשְׁטִימֶען צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן צוּפְרִי, רֶעד צוּפְרִי, אוּן אַז דוּ קֶענְסְט עֶס נִישְׁט בַּאוַוייזְן, טוּ עֶס בַּיינַאכְט.

## רֶעד אֵיין מִינוּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

מֶען דַארְף נִישְׁט אָנְהֵייבְּן מִיט אַ גַאנְצֶע שָׁעָה, אַזוֹי הָאבְּן מִיר גֶעהֶערְט בַּיי מוֹהֲרָא"שׁ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ; אִיךְ גֶעדֶענְק מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר אַמָאל גֶעפְרֶעגְט אוֹיף אֵיינֶער פוּן מַיין מִשְׁפָּחָה "פַּארְוָואס אִיז עֶר אַוֶועק גֶעגַאנְגֶען פוּן הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ", מוֹהֲרָא"שׁ הָאט מִיר גֶעזָאגְט: "אִיךְ הָאבּ אִים אַזוֹי סַאךְ גֶעגֶעבְּן, עֶר הָאט גֶעעֶנְדִיגְט כָּל הַתּוֹרָה כּוּלָּהּ דוּרְךְ מִיר", הָאבּ אִיךְ גֶעזָאגְט פַאר מוֹהֲרָא"שׁ אַפָּאר זַאכְן וָואס בַּאדֶערְט אִים, אֵיינֶע פוּן דִי זַאכְן אִיז אַז דֶער רֶבִּי רֶעדְט פוּן אַ שָׁעָה הִתְבּוֹדְדוּת אוּן מוֹהֲרָא"שׁ רֶעדְט פוּן אַפָּאר מִינוּט הִתְבּוֹדְדוּת, הָאט מִיר מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט: אִיךְ ווִיל נִישְׁט מֶען זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ שָׁעָה?! אִיךְ ווִיל מֶען זָאל רֶעדְן אַ גַאנְצְן טָאג צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן! אָבֶער מֶען דַארְף דָאךְ קוּקְן מְצִיאוּת'דִיג, מְצִיאוּת'דִיג רֶעדְט נִישְׁט אַ מֶענְטְשׁ אַ שָׁעָה צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶערְפַאר זָאג אִיךְ בַּיי דִי שִׁיעוּרִים, "רֶעד אַ מִינוּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן", "רֶעד צְוֵויי מִינוּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן", אָבֶער פוּן מַיין זַייט זָאלְסְטוּ רֶעדְן אַ גַאנְצְן טָאג.

דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ גֶעוָואלְט (עַיֵּין לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן צו) מֶען זָאל אַ גַאנְצְן טָאג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פוּן וֶוען אַ מֶענְטְשׁ שְׁטֵייט אוֹיף צוּפְרִי, עֶר מַאכְט אוֹיף דִי אוֹיגְן, בִּיז עֶר גֵייט שְׁלָאפְן זָאל אִים דִי מוֹיל נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן שֶׁעפְּשֶׁען תְּפִילּוֹת, פַּארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶען עֶסְט

אִינְמִיטְן, מֶען דַאוֶּוענְט אִינְמִיטְן אוּן מֶען לֵיינְט קְרִיאַת שְׁמַע אִינְמִיטְן, אָבֶּער אַ גַאנְצְן טָאג זָאל דֶער מֶענְטְשׁ נִישְׁט אוֹיפְהֶערְן שָׁאקְלֶען מִיט דִי מוֹיל, נָאר - זָאגְט דֶער רֶבִּי - אַזוֹי וִוי אִיךְ זֶע אַז אִיךְ קֶען עֶס נִישְׁט פּוֹעֵל'ן בַּיי עֶנְק, זַייטְס כָאטְשִׁיג מְיַיחֵד אֵיין שָׁעָה צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאט מוֹהֲרָא"ש גֶעזָאגְט מֶען דַארְף קוּקְן אוֹיף מְצִיאוּת, אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט נִישְׁט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ שָׁעָה! אָבֶּער אַז מֶען וֶועט אִים זָאגְן: "נֶעם אֵיין מִינוּט רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן", רֶעד צְוֵויי מִינוּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן", וֶועט עֶר עֶס אָנְהֵייבְּן צוּ טוּן אוּן מִיט דִי צַייט וֶועט עֶר זִיךְ צוּקְלֶעבְּן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז עֶר וֶועט אַ גַאנְצְן טָאג רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

זֵייעֶר אַסַאךְ מָאל קוּמֶען מֶענְטְשְׁן צוּ מִיר בֶּעטְן אַז זֵיי ווִילְן רֶעדְן צוּ מִיר, אִיךְ זָאג זֵיי אַז אִיךְ נִישְׁט קַיין צַייט, זָאגְן זֵיי מִיר: "אִיךְ וֵוייס דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אִיז פַארְנוּמֶען, אָבֶּער אִיךְ ווִיל רֶעדְן נָאר אֵיין מִינוּט", אִיךְ הֵייבּ אָן רֶעדְן מִיט יֶענֶעם נָאכְדֶעם זֶע אִיךְ אַז אִיךְ בִּין גֶעזִיצְן מִיט דֶעם מֶענְטְשׁ דְרֵיי שָׁעָה! מֶען בֶּעט נָאר 'אֵיין מִינוּט', אֵיי וָואס אֵיין מִינוּט? מֶען קֶען גָארְנִישְׁט פְרֶעגְן אִין אֵיין מִינוּט אוּן מֶען קֶען גָארְנִישְׁט עֶנְטְפֶערְן אִין אֵיין מִינוּט, דוּ פָּאפְּסְט מִיךְ אוּן דוּ פָּאפְּסְט דִיךְ... נָאר דָאס אִיז דֶער וֶועג ווִי אַזוֹי מֶען קֶען פּוֹעֵל'ן, אוּן דָאס אִיז גֶעוֶוען בַּיי מוֹהֲרָא"ש, עֶר הָאט גֶעטְרַאכְט 'וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ אַרַיין בְּרֶענְגֶען אַז מֶענְטְשְׁן זָאלְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גַאנְצְן טָאג', הָאט עֶר גֶערֶעדְט פוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר אַ מִינוּט צְוֵויי, אוּן אֵיינְמָאל אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן רֶעדְט עֶר נָאךְ אוּן נָאךְ.

אֵיין מָאל הָאבּ אִיךְ גֶעוָואלְט אָנְטְרָאגְן אַ שִׁידוּךְ פַאר אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד, אִיךְ הָאבּ גֶערוּפְן צוּם אִים אִינְדֶערְהֵיים, זַיין וַוייבּ הָאט אוֹיפְגֶעהוֹיבְּן אוּן גֶעזָאגְט אַז אִיר מַאן קֶען נִישְׁט יֶעצְט רֶעדְן, אִיר קֶענְט צוּרִיק רוּפְן אִין אַ שָׁעָה אַרוּם, אִיךְ הָאבּ גְלַייךְ גֶעוואוּסְט וָואס דָאס מֵיינְט, דָאס אִיז אַ בְּרֶסְלֶבְ'עֶר חָסִיד אוּן עֶר זִיצְט יֶעצְט אַיינְגֶעשְׁפַּארְט אִין אַ שְׁטוּבּ עֶר רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; דָאס אִיז זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע זַאךְ, אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ אַיינְשְׁפַּארְן אִין אַ שְׁטוּבּ אוּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ שָׁעָה צַייט, הָאבּ

אִיךְ אִיר גֶעזָאגְט אַז אִיךְ רוּף וֶועגְן אַ שִׁידוּךְ אוּן צוּלִיבּ אַ שִׁידוּךְ מֶעג מֶען שְׁטֶערְן זַיין הִתְבּוֹדְדוּת, הָאט זִי גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ קֶען נִישְׁט; דָאס אִיז דַעַת תּוֹרָה! אִיךְ הָאבּ נָאךְ קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעשְׁטֶערְט מַיין מַאן אִינְמִיטְן זַיין שָׁעָה הִתְבּוֹדְדוּת, פֶערְצִיג יָאר זִיצְט שׁוֹין מַיין מַאן אִינְמִיטְן טָאג אִין אַ שְׁטוּבּ אוּן רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

נִישְׁט צוּ אִיבֶּער הַאקְן אַ הִתְבּוֹדְדוּת צוּלִיבּ אַ שִׁידוּךְ אִיז נִישְׁט 'דַעַת תּוֹרָה', עֶס אִיז דַעַת תּוֹרָא מִיט אַן אַלֶ"ף... אָבֶּער דָאס אִיז מִיר זֵייעֶר גֶעפָאלְן אַז אַ מֶענְטְשׁ קֶען זִיךְ אַוֶּועק זֶעצְן אִינְמִיטְן טָאג אוּן זִיךְ פַארְשְׁפַּארְן פַאר אַ שָׁעָה צַייט צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, כָּל הַכָּבוֹד פַאר דֶער וָואס טוּט דָאס, אָבֶּער מִיר פָּשׁוּט'ע מֶענְטְשְׁן קֶענֶען דָאס נִישְׁט בַּאוִוייזְן, הָאט אוּנְז מוֹהֲרָא"שׁ גֶעוָואלְט גוּט אַרַיינַארְן אַז מִיר זָאלְן אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין דָאס צוּ טוּן, הָאט עֶר אוּנְז גֶעזָאגְט: "**נֶעם אַ מִינוּט רֶעד צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן**", "**רֶעד צְוֵויי מִינוּט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן**", אוּן פוּן דֶעם וֶועט שׁוֹין וֶוערְן לַאנְגֶע הִתְבּוֹדְדוּת.

## דֶער צַדִּיק גֶעבְּט צוּרִיק דִי אֲבֵדָה

דָא אִין שְׁטֶעטְל אִיז זֵייעֶר גְרִינְג צוּ מַאכְן הִתְבּוֹדְדוּת, עֶס אִיז אַזַא שֵׁיינֶע פְּלַאץ, מֶען שְׁפִּירְט אַ זוֹיבֶּערְקֵייט, עֶס אִיז מַמָּשׁ מְחַיֶה, מֶען קֶען גֵיין שְׁפַּאצִירְן מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיךְ וואוֹין הֶעכֶערְן בֵּית הַמֶדְרָשׁ קוּמְט מִיר נִישְׁט אוֹיס צוּפִיל צוּ אַרוּם שְׁפַּאצִירְן אָבֶּער דִי וָואס וואוֹינֶען אַבִּיסְל אַרוֹיפְצִיר פוּן בֵּית הַמֶדְרָשׁ קֶענֶען אַזוֹי סַאךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַ גַאנְצְן וֶועג.

דָא אִיז נִישְׁטָא קֵיין פְּרָאבְּלֶעמֶען פוּן שְׁמִירַת עֵינַיִם, מֶען קֶען זִיךְ אוֹיפְהֵייבְּן דִי אוֹיגְן צוּם הִימְל, מֶען זֶעט נָאר הִימְל אוּן בֵּיימֶער, דָא קֶען מֶען זִיךְ אַזוֹי גוּט אוֹיסְרֶעדְן דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען זִיךְ אַזוֹי גוּט כִּבְיָכוֹל בַּאפְרַיינְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען קֶען זִיךְ דֶערְמַאנֶען פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

פַאר אַ מֶענְטְשׁ וֶוערְט גֶעבּוֹירְן לֶעבְּט דִי נְשָׁמָה מִיט'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוען מֶען קוּמְט אַרָאפּ כַאפְּט מֶען אַ פְּלִיק פוּן דֶעם מַלְאָךְ (עַיֵּין נִדָּה ל:) אוּן מֶען פַארְגֶעסְט אַלֶעס, מֶען וֶוערְט אַרַיין גֶעטוּן אִין גֶעלְט אוּן בִּנְיָנִים, בִּיז דֶער צַדִּיק גֶעבְּט צוּרִיק

פַאר'ן מֶענְטְשׁ דִי אֲבֵדָה (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א', סִימָן קפח), עֶר דֶערְמַאנְט דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער.

דֶער רֶבִּי הָאט אַמָאל גֶעפְרֶעגְט אֵיינֶעם: "הָאסְט שׁוֹין הַיינְט גֶעקוּקְט אוֹיפְ'ן הִימְל?" מֶען הַאלְט נָאךְ פַאר הִתְבּוֹדְדוּת, פַאר רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן פַאר בֶּענְקֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, הָאסְט שׁוֹין הַיינְט כָאטְשׁ גֶעקוּקְט אוֹיפְ'ן הִימְל, אוּן זִיךְ דֶערְמַאנְט אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער?! אַ מֶענְטְשׁ אִיז אַזוֹי פַארְנוּמֶען מִיט זַיין בִּיזְנֶעס, עֶר טְרַאכְט אַ גַאנְצְן טָאג: 'אִיךְ גֵיי הָאבְּן, אִיךְ גֵיי פַארְדִינֶען', הֵייבּ אוֹיף דִי אוֹיגְן צוּם הִימְל, עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶער.

### שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן מ"ב

זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי וַוייטֶער: עַצְבוּת הוּא: כְּמוֹ מִי שֶׁהוּא בְּכַעַס וּבְרֹגֶז עַצְבוּת מֵיינְט אַז דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אִין כַּעַס, עֶר אִיז בְּרוֹגֶז, כְּמוֹ שֶׁמִּתְרַעֵם וּמִתְלוֹנֵן עָלָיו יִתְבָּרַךְ חַס וְשָׁלוֹם, עַל שֶׁאֵינוֹ עוֹשֶׂה לוֹ רְצוֹנוֹ אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט נִישְׁט וָואס עֶר ווִיל, דֶער מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אָפּ: "אִיךְ הָאבּ שׁוֹין אַזוֹיפִיל מָאל גֶעבֶּעטְן אוּן עֶס גֵייט מִיר נִישְׁט", אֲבָל לֵב נִשְׁבָּר הוּא: כְּבֵן הַמִּתְחַטֵּא לִפְנֵי אָבִיו, כְּתִינוֹק שֶׁקּוֹבֵל וּבוֹכֶה לִפְנֵי אָבִיו עַל שֶׁנִּתְרַחֵק מִמֶּנּוּ וְכוּ' (וְעַיֵּין בְּמָקוֹם אַחֵר מִזֶּה) אָבֶּער לֵב נִשְׁבָּר אִיז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין טַעֲנוֹת קַיין טַעֲנוֹת, אִיךְ בֶּעט נָאכְאַמָאל: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף מִיךְ, אִיךְ בִּין אַזוֹי וַוייט פוּן דִיר", אַזוֹי ווִי אַ קִינְד ווֵיינְט צוּ זַיין טַאטֶע.

### מִשֶּׁנִּכְנַס אֲדָר מַרְבִּין בְּשִׂמְחָה

יֶעצְט קוּמְט דֶער חוֹדֶשׁ הַשִּׂמְחָה, מוֹהֲרָא"שׁ בְּרֶענְגְט פוּן צַדִּיקִים אוֹיף דֶעם וָואס דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (תַּעֲנִית כט:): "מִשֶּׁנִּכְנַס אֲדָר מַרְבִּין בְּשִׂמְחָה", וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אֲדָר פַארְמֶערְט מֶען קְדוּשָּׁה דוּרְךְ שִׂמְחָה, אוּן דִי זֶעלְבֶּע זַאךְ (שָׁם): "מִשֶּׁנִּכְנַס אָב מְמַעֲטִין בְּשִׂמְחָה", וֶוען עֶס קוּמְט חוֹדֶשׁ אָב פַארְמִינֶערְט מֶען דִי טוּמְאָה דוּרְךְ שִׂמְחָה, דוּרְךְ שִׂמְחָה וֶוערְט אַ מֶענְטְשׁ גֶערַאטֶעוֶועט פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען, אִיךְ בִּין פְרֵיילִיךְ אַז אִיךְ הִיט שַׁבָּת, אִיךְ בִּין פְרֵיילִיךְ אַז אִיךְ לֵייג תְּפִילִין אוּן אִיךְ בִּין פְרֵיילִיךְ אַז אִיךְ קוּם אִין שׁוּל

דַאוֶוענֶען.

### גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע גֶעלְט

דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וֶוען מֶען שְׁטֵייט אוֹיף אִינְדֶערְפְרִי קוּם אִיךְ אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ דַאוֶוענֶען, אִיךְ לָאז דִי אָפִּיס אוּן דִי גַאנְצֶע וֶועלְט פַאלְן, עֶס וֶועט גָארְנִישְׁט גֶעשֶׁען אַז דוּ וֶועסְט קוּמֶען אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ; דַאוֶוענֶען אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ.

וֶוער עֶס ווִיל הָאבְּן הַצְלָחָה, וֶוער עֶס ווִיל זַיין רַייךְ זָאל טוּן וָואס מוֹהֲרָא״שׁ הָאט צוּגֶעזָאגְט, מוֹהֲרָא״שׁ הָאט צוּגֶעזָאגְט: ״וֶוער עֶס וֶועט מַקְפִּיד זַיין צוּ דַאוֶוענֶען מִיט מִנְיָן וֶועט הָאבְּן עֲשִׁירוּת״.

מֶענְטְשְׁן זֶענֶען מְזַלְזֵל אִין דֶעם, אַ מֶענְטְשׁ מֵיינְט ׳אַז אִיךְ וֶועל נִישְׁט אַריין גֵיין צוּפְרִי אִין אָפִּיס וֶועט דִי גַאנְצֶע בִּיזְנֶעס צוּזַאם פַאלְן׳, מֶען מוּז דַאוֶוענֶען, אַז דוּ וֶועסְט דַאוֶוענֶען וֶועסְטוּ הָאבְּן הַצְלָחָה דֶעם טָאג, אַסַאךְ מָאל קֶען אַ מֶענְטְשׁ אַרְבֶּעטְן אוּן אַרְבֶּעטְן אוּן אַרְבֶּעטְן, אוּן עֶר זֶעט נִישְׁט קַיין בְּרָכָה, עֶר דֶערְלֵייגְט נָאךְ גֶעלְט, אִינְדְרוֹיסְן זֶעט אוֹיס ווִי עֶר הָאט שֵׁיינֶע בִּנְיָנִים, אָבֶּער קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט זַיינֶע נוּמֶערְן, עֶר הָאט אָפְּגֶעמַאכְט אַ פְּרַייז מִיט אַ קָאמְפֶּענִי אוּן עֶס אִיז גֶעשֶׁען אַ טָעוּת עֶר הָאט גֶעדַארְפְט צוּצָאלְן אַסַאךְ מֶער, ווִידֶער גֶעשֶׁעט אַסַאךְ מָאל אַ מֶענְטְשׁ הָאט מַמָּשׁ גָארְנִישְׁט גֶעטוּן, אוּן עֶר הָאט מַמָּשׁ גֶעבֶּענְטְשְׁטֶע גֶעלְט, זַיין גֶעלְט הַאלְט זִיךְ אוּן עֶר פַארְדִינְט שֵׁיין, עֶר הָאט גָארְנִישְׁט גֶעמַאכְט אוּן עֶר גֵייט אַרוֹיס מִיט שֶׁפַע, דָאס קוּמְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק אִין דֶעם, אִיךְ שְׁטֵיי אוֹיף צוּפְרִי, אִיךְ קוּם אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ דַאוֶוענֶען שַׁחֲרִית, אוּן אִיךְ קוּם אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ דַאוֶוענֶען מִנְחָה מַעֲרִיב.

מִנְחָה מַעֲרִיב וֶוערְט שׁוֹין יֶעצְט גְרִינְגֶער, עֶס וֶוערְט שׁוֹין אַבִּיסְל אַ לֶענְגֶערֶע טָאג, אוּן נָאךְ אַבִּיסְל רוּקְט מֶען שׁוֹין דֶעם זֵייגֶער, אוּן עֶס וֶועט וֶוערְן נָאךְ שְׁפֶּעטֶער, דַארְף מֶען זַיין זֵייעֶר שְׁטַארְק אִין דֶעם.

אַז מֶען קוּמְט אִין בֵּית הַמֶּדְרָשׁ קוּמְט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען רֶעדְט נִישְׁט צוּ קֵיינֶעם פוּן אָנְפַאנְג דַאוֶועֶנֶען בִּיז סוֹף דַאוֶועֶנֶען, אִיךְ הָאבּ מַיין סִידוּר אוּן אִיךְ דַאוֶוען.

אִיךְ זָאג אַלְץ פַאר דִי בָּחוּרִים, מוֹהֲרָא"שׁ פְלֶעגְט זָאגְן, וִוי אַזוֹי וֵוייסְט מֶען וֶועמֶען צוּ נֶעמֶען פַאר אַן אֵיידֶעם? אֵיינֶער וָואס הָאט אַ טָאכְטֶער עֶר דַארְף נֶעמֶען אַן אֵיידֶעם, אִיז עֶס אַזוֹי שְׁרֶעקֶעדִיג, וָואס וֵוייסְטוּ וָואס דֶער אִינְגֶערְמַאן גֵייט טוּן מִיט דַיין טָאכְטֶער? אֶפְשָׁר וֶועט עֶר חַס וְשָׁלוֹם אָפְּלָאזְן אִידִישְׁקֵייט, הָאט מוֹהֲרָא"שׁ גֶעזָאגְט: קוּק צִי עֶר דַאוֶוענְט, אוֹיבּ עֶר נֶעמְט אַ סִידוּר אוּן דַאוֶוענְט שַׁחֲרִית מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב אִיז עֶס אַ סִימָן אַז עֶר הָאט יִרְאַת שָׁמַיִם, אוּן אוֹיבּ עֶר דַאוֶוענְט נִישְׁט, קֶען עֶר זַיין דֶער גְרֶעסְטֶער לַמְדָן, אָבֶּער אִיךְ וֶועל אִים נִישְׁט נֶעמֶען פַאר אַן אֵיידֶעם.

## אַ צַייט צוּ שְׁמוּעֶסְן מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל זַיין שְׁטַארְק מִיט דַאוֶועֶנֶען שַׁחֲרִית, מִנְחָה אוּן מַעֲרִיב אוּן הִתְבּוֹדְדוּת; עֶס אִיז זֵייעֶר גֶעשְׁמַאק אַז מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ צוּ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אִינְדֶערְפְרִי, אוּן בַּיינַאכְט אִיז אוֹיךְ גוּט, יֶעדֶער אֵיינֶער זָאל טוּן וִוי אַזוֹי עֶס אִיז גוּט פַאר אִים.

בְּרֶעסְלֶבְ'עֶר חֲסִידִים, תַּלְמִידֵי הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ שֶׁעפְּשֶׁען אַ גַאנְצְן טָאג מִיט דִי לִיפְּן: "בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף מִיךְ", "בַּאשֶׁעפֶּער הֶעלְף מִיךְ", דָאס זָאגְט מֶען אַ גַאנְצְן טָאג, אָבֶּער דֶער רֶבִּי ווִיל מֶען זִיךְ אוֹיךְ מַאכְן אַ צַייט וָואס מֶען שְׁמוּעֶסְט זִיךְ אוֹיס דָאס הַארְץ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, מֶען זָאגְט: "רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם וָואס וֶועט זַיין מִיט מִיר? אִיךְ בִּין דָאךְ אַזוֹי וַוייט פוּן דִיר, אִיךְ וֶוער עֶלְטֶער, אִיךְ בִּין שׁוֹין פֶערְצִיג יָאר, וָואס וֶועט דָא זַיין? וֶוען וֶועט זִיךְ עֶפֶּעס רוּקְן? אִיךְ ווִיל לֶערְנֶען, אִיךְ ווִיל דַאוֶועֶנֶען", אַזוֹי רֶעדְט מֶען צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּן מֶען בֶּעט אִיבֶּער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מֶען זָאל הָאבְּן אַ פְרֵיילִיכֶער חוֹדֶשׁ, אוּן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ קֶענֶען מַכְנִיעַ זַיין אַלֶע דִינִים, אָמֵן.

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה

שְׁלִיטָ"א גֶעזִינְגֶען דֶעם נִיגוּן לְכָבוֹד רֹאשׁ חוֹדֶשׁ: "יְחַדְּשֵׁהוּ הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עָלֵינוּ וְעַל כָּל עַמּוֹ בֵּית יִשְׂרָאֵל בְּכָל מָקוֹם שֶׁהֵם. לְטוֹבָה וְלִבְרָכָה. לְשָׂשׂוֹן וּלְשִׂמְחָה. לִישׁוּעָה וּלְנֶחָמָה. לְפַרְנָסָה טוֹבָה וּלְכַלְכָּלָה. לְחַיִּים טוֹבִים וּלְשָׁלוֹם. לִשְׁמוּעוֹת טוֹבוֹת. וְלִבְשׂוֹרוֹת טוֹבוֹת. וְלִגְשָׁמִים בְּעִתָּם. וְלִרְפוּאָה שְׁלֵמָה. וְלִגְאוּלָה קְרוֹבָה וְנֹאמַר אָמֵן".

## שַׁבַּת קוֹדֶשׁ פָּרָשַׁת תְּרוּמָה, שְׁנַת תשפ"ב לִפְרָט קָטָן, אִיז דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א גֶעוֶוען אִין ווִילְיַאמְסְבּוּרְג יע"א. בַּיי סְעוּדָה שְׁלִישִׁית הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א פָּארְגֶעלֶערְנְט סֵפֶר הַקָּדוֹשׁ שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָן יט.

אֵיידֶער דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן דֶעם שִׁיעוּר הָאט מֶען גֶעזִינְגֶען דֶעם נִיגוּן: "בַּאשֶׁעפֶּער אִיךְ וַוייס, אַז דִי בֶּעסְטֶע זַאךְ אוֹיף דִי וֶועלְט אִיז, זַיין נָאנְט צוּ דִיר, וִויל אִיךְ עֶס אָן אַ שִׁיעוּר. אוּן אֲפִילוּ וֶוען סְ'אִיז שְׁוַוארְץ, מִיט שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת פְּרוּבִּירְסְטוּ מִיר, דָאךְ זֶע מַיין הַארְץ, ווִי אִיךְ קוּק אַרוֹיס צוּ דִיר. טַאטֶע, טַאטֶע, טַאטֶע, אִיךְ בֶּעט דִיר הֶעלְף מִיר".

אוּן דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן: מִיר הָאבְּן שׁוֹין אַסַאךְ מָאל גֶעלֶערְנְט דִי שִׂיחָה, אָבֶּער וִויפִיל מָאל מֶען לֶערְנְט עֶס, דַארְף מֶען עֶס לֶערְנֶען נָאךְ אוּן נָאךְ, מֶען קֶען דָא זֶען צוּ וָואס מֶען קֶען זוֹכֶה זַיין אַז מֶען פָאלְגְט דֶעם רֶבִּי'ן.

### שִׂיחוֹת הָרַ"ן, סִימָן יט

שְׁרַייבְּט רֶבִּי נָתָן זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה: "וְאָמַר: נִכְסַפְתִּי מְאֹד לְהַמְשִׁיךְ אֶת הָעוֹלָם אֶל עֲשִׂיָּה", דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט: אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר גֶעוָואלְט אַרַיין בְּרֶענְגֶען אִין מֶענְטְשְׁן 'מֶען זָאל טוּן', "שֶׁיִּהְיֶה חִיּוּב אֵצֶל כָּל אֶחָד וְאֶחָד", עֶס זָאל זַיין אַ חִיּוּב פַאר יֶעדְן אֵיינֶעם, "לִלְמוֹד כָּךְ וְכָךְ, בְּכָל יוֹם וְלֹא יַעֲבֹר, וְכַיּוֹצֵא", צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן

טָאג 'כָּךְ וְכָךְ', אַ בַּאשְׁטִימְטֶע שִׁיעוּר.

## אַלֵיינְס בַּאשְׁטִימֶען אַ שִׁיעוּר

מוֹהֲרָא"ש זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ זָאגְט, עֶר הָאט מְקוּבָּל פוּן אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אַז 'כָּךְ וְכָךְ' גֵייט אַרוֹיף אוֹיף "חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת", מֶען זָאל זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת. מוֹהֲרָא"ש זָאגְט אַז יֶעדֶער אֵיינֶער אִיז בִּיכֹלֶת צוּ זָאגְן 'חַ"י פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת' אַ טָאג; אָבֶער אַז דוּ קוּמְסְטוּ נִישְׁט אָן צוּ חַ"י פְּרָקִים - זָאג כָאטְשׁ צְוֵויי דְרֵיי פְּרָקִים, דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ נִישְׁט אַרַיין גֶעשְׁרִיבְּן אִין דִי שִׂיחָה וְויפִיל צוּ לֶערְנֶען, קֶען זִיךְ יֶעדֶער אַלֵיינְס בַּאשְׁטִימֶען אַ שִׁיעוּר לוֹיט וְויפִיל עֶר קֶען, וָואס דָאס גֵייט עֶר לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אָן אוֹיסְנַאם.

## זָאגְט דֶער רֶבִּי וַוייטֶער:

"וְאָמַר: שֶׁאֲפִלּוּ אוֹתָן הָאֲנָשִׁים הָרְחוֹקִים מִן הַקְּדֻשָּׁה מְאֹד", אֲפִילוּ מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען זֵייעֶר וַוייט פוּן קְדוּשָּׁה, "שֶׁנִּלְכְּדוּ בִּמְצוּדָה רָעָה", זֵיי זֶענֶען אַרַיין גֶעפַאלְן אִין אַ שְׁלֶעכְטֶע פַּאסְטְקֶע, "עַד שֶׁרְגִילִין בַּעֲבֵרוֹת חַס וְשָׁלוֹם רַחֲמָנָא לִצְלָן רַחֲמָנָא לִשֵׁיזְבָן", זֵיי טוּעֶן עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן.

אַוַודַאי ווִיל קֵיינֶער נִישְׁט גֵיין זִינְדִיגְן, קֵיינֶער ווִיל נִישְׁט זַיין שְׁלֶעכְט, אָבֶער עֶר אִיז נֶעבֶּעךְ אַרַיין גֶעפַאלְן אִין עֲבֵירוֹת רַחֲמָנָא לִצְלָן. אִיז שׁוֹין נִישְׁט דָא קַיין שׁוּם עֵצָה פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ, אוֹיסֶער אַז עֶר פָאלְגְט דִי עֵצָה וָואס דֶער רֶבִּי גֶעבְּט דָא.

"אַף עַל פִּי כֵן, הַכֹּחַ שֶׁל הַתּוֹרָה גָּדוֹל כָּל כָּךְ, עַד שֶׁיְּכוֹלָה לְהוֹצִיא אוֹתָם מִן הָעֲבֵרוֹת שֶׁרְגִילִין בָּהֶם חַס וְשָׁלוֹם. וְאִם יַעֲשׂוּ לָהֶם חֹק קָבוּעַ וְחִיּוּב חָזָק לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם כָּךְ וְכָךְ, יִהְיֶה אֵיךְ שֶׁיִּהְיֶה, בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה, כִּי כֹּחַ הַתּוֹרָה גָּדוֹל מְאֹד", אוֹיבּ וֶועלְן זֵיי זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כָּךְ וְכָךְ', וֶועלְן זֵיי סוֹף כָּל סוֹף זִיכֶער אַרוֹיס גֵיין פוּן זֵייעֶר בְּלָאטֶע, וַוייל דִי כֹּחַ פוּן תּוֹרָה אִיז אַזוֹי גְרוֹיס אַז עֶס נֶעמְט אַרוֹיס דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן זַיין שְׁלֶעכְטְס.

## לֶערְנֶען מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט

מֶען דַארְף אָבֶער וִויסְן אַז דֶער רֶבִּי זָאגְט דָא: "לִלְמֹד בְּכָל יוֹם וָיוֹם", לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג; אַסַאךְ מָאל קוּמֶען בָּחוּרִים מִיט אַ טַעֲנָה: "אִיךְ זָאג מִשְׁנַיוֹת אוּן עֶס הֶעלְפְּט מִיר נִישְׁט", "אִיךְ זָאג גְּמָרָא אוּן עֶס הֶעלְפְּט מִיר נִישְׁט", זָאלְסְטוּ וִויסְן אַז עֶס אִיז נִישְׁט דָא אַזַא זַאךְ, דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ גֶעגֶעבְּן אַן הַבְטָחָה: "בְּוַדַּאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה", אַ מֶענְטְשׁ וָואס מַאכְט זִיךְ אַ קְבִיעוּת צוּ לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג 'כָּךְ וְכָךְ', וֶועט זִיכֶער אַרוֹיס גֵיין פוּן זַיין בְּלָאטֶע! דוּ לֶערְנְסְט נִישְׁט מִיט אַ קְבִיעוּת, נָאר אֵיין טָאג יָא אוּן אֵיין טָאג נִישְׁט, לָאמִיר זֶען דוּ זָאלְסְט לֶערְנֶען מִיט אַ שְׁטַארְקֵייט יֶעדְן טָאג - וֶועט עֶס זִיכֶער הֶעלְפְן.

## אוֹיף וֶועמֶען הָאט עֶר טַעֲנוֹת?!

אַ מֶענְטְשׁ וָואס זָאגְט מִשְׁנַיוֹת נָאר וֶוען עֶר הָאט חֵשֶׁק, אָדֶער נָאר וֶוען עֶר קוּמְט אִין 'הֵיכַל הַקּוֹדֶשׁ', אוּן דִי אַנְדֶערֶע טֶעג לֶערְנְט עֶר נִישְׁט, אוֹיף וֶועמֶען הָאט עֶר טַעֲנוֹת אַז עֶס הֶעלְפְּט נִישְׁט?! דֶער רֶבִּי הָאט דָאךְ גֶעזָאגְט מֶען זָאל זִיךְ מַאכְן אַ קְבִיעוּת 'יֶעדְן טָאג'; נִישְׁט קַיין חִילוּק צִי אִיךְ בִּין אִין יְשִׁיבָה, צִי אִיךְ בִּין נִישְׁט אִין יְשִׁיבָה, נִישְׁט קַיין חִילוּק וֶועלְכֶע טָאג, פְרַייטָאג, שַׁבָּת אָדֶער זוּנְטָאג, יֶעדְן טָאג מוּז אִיךְ לֶערְנֶען מַיינֶע שִׁיעוּרִים כְּסִדְרָן, דַאן זָאגְט דֶער רֶבִּי צוּ אַז עֶס וֶועט הֶעלְפְן.

## רוּעֶן צְוִוישְׁן אוּנְז

מֶען זֶעט דִי וָואךְ אִין דִי פַּרְשָׁה אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאגְט (שְׁמוֹת כה, ח): "וְעָשׂוּ לִי מִקְדָּשׁ וְשָׁכַנְתִּי בְּתוֹכָם", דִי אִידְן זָאלְן מַאכְן פַאר מִיר אַ הֵיילִיגֶע ווֹאוֹינוּנְג, אוּן אִיךְ וֶועל רוּעֶן צְוִוישְׁן זֵיי. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז 'מְלוֹא כָל הָאָרֶץ כְּבוֹדוֹ', דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז אִיבֶּעראַל, פוּן דֶעסְט וֶועגְן ווִיל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער דַוְקָא רוּעֶן צְוִוישְׁן אוּנְז מֶענְטְשְׁן, וָואס מִיר לִיגְן אִין גַשְׁמִיוּת, עֶר ווִיל מִיר זָאלְן אִים בּוֹיעֶן אַ שְׁטוּב וואוּ עֶר זָאל רוּעֶן, אַזוֹי ווִי דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים זָאגְן (מֶדְרָשׁ תַּנְחוּמָא פַּרְשַׁת נָשֹׂא, סִימָן טז):

"בְּשָׁעָה שֶׁבָּרָא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא אֶת הָעוֹלָם, נִתְאַוָּה שֶׁיְּהֵא לוֹ דִּירָה בַּתַּחְתּוֹנִים כְּמוֹ שֶׁיֵּשׁ בָּעֶלְיוֹנִים", דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער ווִיל וואוֹינֶען צְווִישְׁן אוּנְז אוֹיף דֶער וֶועלְט.

## נָאר דוּרְכְ'ן לֶערְנֶען תּוֹרָה

זֶעט מֶען אָבֶער וָואס אִיז דִי עֶרְשְׁטֶע זַאךְ וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן מַאכְן? דֶער אָרוֹן וָואס מֶען לֵייגְט דֶערִין אַרַיין דִי לוּחוֹת! וַוייל אַז דוּ ווִילְסְט עֶס זָאל זַיין אַן הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רוּעֶן בַּיי דִיר, דוּ ווִילְסְט לֶעבְּן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן, דַאן דַארְפְסְטוּ לֶערְנֶען תּוֹרָה, נָאר דוּרְכְ'ן לֶערְנֶען תּוֹרָה קֶען מֶען זוֹכֶה זַיין אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל רוּעֶן בַּיים מֶענְטְשׁ.

## תּוֹרָה אִיז צוּגֶעגְלִיכְנְט צוּ וַואסֶער

אוּן דֶער פָּסוּק זָאגְט (שְׁמוֹת כה, י): "וְעָשׂוּ אֲרוֹן עֲצֵי שִׁטִּים אַמָּתַיִם וָחֵצִי אָרְכּוֹ וְאַמָּה וָחֵצִי רָחְבּוֹ וְאַמָּה וָחֵצִי קֹמָתוֹ", מֶען זָאל מַאכְן אַ קַאסְטְן פוּן הֶעלְצֶער, צְוֵויי אוּן אַ הַאלְבּ אֵיילְן זַיין לֶענְג, אוּן אַן אֵייל אוּן אַ הַאלְבֶּע זַיין בְּרֵייט, אוּן אַן אֵייל אוּן אַ הַאלְבֶּע זַיין הֵייךְ. פְרֶעגְן שׁוֹין אַלֶע מְפָרְשִׁים, פַארְוָואס הָאט דֶער אָרוֹן גֶעהַאט בַּיי אַלֶע זַייטְן מִידוֹת שְׁבוּרוֹת, צֶעבְרָאכֶענֶע מַאסְן, 'אַמָּתַיִים וְחֵצִי', 'אַמָּה וְחֵצִי'? זָאגְן אַלֶע מְלַמְּדִים פַאר דִי קִינְדֶער בְּשֵׁם דֶער 'בַּעַל הַטּוּרִים', אַז דָאס קוּמְט אוּנְז צוּ וַוייזְן אַז דִי תּוֹרָה הַאלְט זִיךְ נִישְׁט וואוּ עֶס אִיז גַאנְץ, נָאר וואוּ עֶס אִיז צֶעבְּרָאכְן, וִוי חֲכָמֵינוּ זִכְרוֹנָם לִבְרָכָה זָאגְן (תַּעֲנִית ז.), אַז תּוֹרָה אִיז צוּגֶעגְלִיכְנְט צוּ וַואסֶער, פּוּנְקְט אַזוֹי וִוי וֶוען מֶען גִיסְט וַואסֶער אוֹיף אַ הוֹיכֶע פְּלַאץ הַאלְט זִיךְ עֶס נִישְׁט, עֶס רִינְט אַרָאפּ, אַזוֹי אוֹיךְ תּוֹרָה הַאלְט זִיךְ נָאר בַּיי אַן עָנָיו, וֶוען מֶען הַאלְט זִיךְ קְלֵיין.

## מַאכְן גְרָאד...

מִיט דִי הַקְדָּמוֹת פוּן רֶבִּי'ן קֶען מֶען זָאגְן נָאכְמֶער; אַ מֶענְטְשׁ הָאט לִיבּ צוּ זַיין מְסוּדָר, אַזוֹי וִוי וֶוען מֶען עֶסְט קֶעיק, שְׁנַיידְט מֶען אַרָאפּ

נאָך אַ שְׁטִיקְל, כְּדֵי עֶס צו מַאכְן גְרָאד... אָבֶער אַ מֶענְטְשׁ קוּקְט זִיךְ אַן ווִי אַ צֶעבְּרָאכֶענֶער מֶענְטְשׁ, עֶר קֶען נִישְׁט זַיין מְסוּדָר מִיט אַ סֶדֶר, פוּן אַלֶע זַייטְן אִיז עֶר צֶעבְּרָאכְן, נִישְׁט מְסוּדָר, אַ כְּלִי נִשְׁבָּר, זָאגְט דָא דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, קוּק אוֹיפְ׳ן אָרוֹן מִיט דִי צֶעבְּרָאכֶענֶע מַאסְן; אוֹיב לֵייגְט מֶען אַרַיין דִי תּוֹרָה אִין דֶעם צֶעבְּרָאכֶענֶעם כְּלִי - וֶוערְט דָאס דִי אָרוֹן הַקוֹדֶשׁ, דָאס קוּמְט אָן אִינֶעם הֵיילִיגְסְטְן פְּלַאץ - אִין קוֹדֶשׁ הַקֳדָשִׁים, דָאס זֶעלְבֶּע אִיז מִיט יֶעדְן מֶענְטְשׁ, לֵייג אַרַיין אִין דִיר אַבִּיסְל תּוֹרָה, וֶועסְטוּ אוֹיךְ זוֹכֶה זַיין אָנְצוּקוּמֶען אִינֶעם הֵיילִיגְסְטְן פְּלַאץ - אִין קוֹדֶשׁ הַקֳדָשִׁים, נִישְׁט קַיין אוּנְטֶערְשֵׁייד וֶוער דוּ בִּיסְט.

זָאגְט רֶבִּי נָתָן וַוייטֶער:

"וְכָל עִקַּר מְגַמָּתוֹ וְחֶפְצוֹ הָיָה תָּמִיד רַק לְעֲבוֹדוֹת וַעֲשִׂיּוֹת שֶׁל קְדֻשָּׁה", דָאס אִיז גְעוֶוען דֶעם רֶבִּי׳נְס גַאנְצֶע זַאךְ, אֵיין זַאךְ, מִיר זָאלְן טוּן גוּטֶע זַאכְן, "בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת כְּלָל", אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת, "רַק שֶׁנַּעֲסֹק תָּמִיד בַּעֲשִׂיּוֹת שֶׁל קְדֻשָּׁה בִּפְשִׁיטוּת", נָאר טוּן גוּטֶע הֵיילִיגֶע זַאכְן, אוּן דֶער רֶבִּי רֶעכְנְט אוֹיס עֶטְלִיכֶע זַאכְן, "דְּהַיְנוּ לְהַרְבּוֹת בְּלִמּוּד הַתּוֹרָה", לֶערְנֶען יֶעדְן טָאג אַבִּיסְל מִשְׁנָיוֹת אוּן גְמָרָא, "וְלַעֲשׂוֹת מִצְווֹת הַרְבֵּה בְּכָל יוֹם", אוּן טוּן יֶעדְן טָאג אַסַאךְ מִצְוֹת, "וּלְהַרְבּוֹת בִּתְפִלָּה וְתַחֲנוּנִים תָּמִיד וְהַכֹּל בִּפְשִׁיטוּת בְּלִי שׁוּם חָכְמוֹת", אוּן אַסַאךְ פַארְמֶערְן אִין תְּפִילוֹת, צוּ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אָן קַיין שׁוּם חָכְמוֹת.

## יֶעדֶער קֶען בַּאוַוייזְן

קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ דָאנֶערְשְׁטָאג אִיז מֶען מְסַיֵּים 'מַסֶכֶת מוֹעֵד קָטָן'; אִיךְ מֵיין עֶס אִיז שׁוֹין צַייט זִיךְ אוֹיפְצוּאוֶועקְן פוּן שְׁלָאף, גֶעבּ אַ קוּק, מֶען עֶנְדִיגְט נָאךְ אַ מַסֶכְתָּא אוּן נָאךְ אַ מַסֶכְתָּא, כַאפּ זִיךְ מִיט. דָאס אִיז אַ שִׁיעוּר וָואס יֶעדֶער קֶען בַּאוַוייזְן, נֶעם אַ גְמָרָא אוּן זָאג דִי וֶוערְטֶער. הַיינְט אִיז שׁוֹין דָא גְמָרוֹת מִיט נְקוּדוֹת; דַארְפְּסְט גָארְנִישְׁט ווִיסְן, נָאר בְּלוֹיז אַרוֹיס זָאגְן דִי וֶוערְטֶער פוּן מוֹיל.

## נֶעמֶען אַ װעג װײזֶער

מֶען דַארְף גָארְנִישְׁט הָאבְּן צוּ קֶענֶען לֶערְנֶען, נָאר אֵיין זַאךְ, שֵׂכֶל צוּ פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן; דֶער מֶענְטְשׁ זָאל אָפְּמַאכְן: אִיךְ זֶע דָאךְ ווִי אַזוֹי מֶענְטְשְׁן פִירְן זִיךְ אוֹיף, און וואו מֶענְטְשְׁן קוּמֶען אָן; מֶענְטְשְׁן מוּטְשֶׁען זִיךְ אִין לֶעבְּן, דָאס לֶעבְּן אִיז זֵיי מַמָּשׁ דֶער גֵיהִנוֹם, אִיךְ ווִיל נִישְׁט אוֹיסְקוּקְן ווִי זֵיי, אִיךְ ווִיל זִיךְ נִישְׁט אָפְּמוּטְשֶׁען מַיינֶע זִיבֶּעצִיג יָאר', אִיז נָאר דָא אֵיין עֵצָה דֶערְצוּ, צוּ נֶעמֶען אַ וֶועג וַוייזֶער, נֶעמֶען אַ דָאקְטֶער, אַ חָכָם, וֶועם אִיךְ פָאלְגְ.

## אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ

אַז מֶען נֶעמְט דֶעם רֶבִּי'ן פַאר אַ וֶועג וַוייזֶער הָאט מֶען אַ גוּטֶע לֶעבְּן און אַ עֶרְלִיכֶע לֶעבְּן; לָאמִיר אַרוֹיס כַאפְּן אַבִּיסְל צַייט צוּ לֶערְנֶען, לָאמִיר אָנְהֵייבְּן צוּ לֶערְנֶען דֶעם בְּלַאט גְמָרָא, לָאמִיר נֶעמֶען אַ מִשְׁנַיוֹת און לֶערְנֶען אַפָּאר פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת. מוֹהֲרָא"ש פְלֶעגְט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג בַּארִימֶען: ווִי אַזוֹי זֶעט מֶען אוֹיף אַ אִינְגֶערְמַאן צִי עֶר אִיז אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ? אוֹיבּ עֶר דְרֵייט זִיךְ מִיט אַ קְלֵיינֶע מִשְׁנַיוֹת'ל אִין טַאשׁ, און וֶוען עֶר הָאט אַפָּאר אִיבֶּערִיגֶע מִינוּט, כַאפְּט עֶר אַרַיין נָאךְ אַ פֶּרֶק און נָאךְ אַ פֶּרֶק - דָאס אִיז אַ סִימָן פוּן אַ תַּלְמִיד 'הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ'.

## אַ בָּאס דְרֵייוֶוער

הַלְוַאי זָאלְן מִיר דָאס אוֹיךְ קֶענֶען אַרַיין בְּרֶענְגֶען, מֶען זָאל קֶענֶען אָנְזֶען אוֹיף אַ תַּלְמִיד הֵיכַל הַקוֹדֶשׁ דוּרְךְ זַיין מִשְׁנַיוֹת, וואו עֶר אִיז - זֶעט מֶען אִים מִיטְ'ן מִשְׁנַיוֹת, נִישְׁט קַיין חִילוּק צִי עֶר אִיז אַ בָּאס דְרֵייוֶוער, אָדֶער עֶר וַוארְט פוּנְקְט אִין אַ אָפִיס, אָדֶער עֶר זִיצְט בַּיי אַ חֲתוּנָה - שְׁטֶענְדִיג זֶעט מֶען אִים מִיט אַ מִשְׁנַיוֹת. דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶעם רֶבִּי'נְס זַאךְ.

אֲפִילוּ דוּ בִּיסְט אַ צֶעבְּרָאכֶענֶע כֵּלִי, דָאס גַאנְצֶע לֶערְנֶען אִיז נִישְׁט מְסוּדָר, דוּ לֶערְנְסְט יֶעדְן טָאג אַ אַנְדֶערֶע צָאל פְּרָקִים מִשְׁנַיוֹת, אֵיין טָאג אַכְצְן פְּרָקִים און אֵיין טָאג וֵוייניגֶער, דָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי צוּגֶעזָאגְט: "בְּוַדַאי יִזְכּוּ לָצֵאת מִמְּצוּדָתָם הָרָעָה עַל יְדֵי הַתּוֹרָה",

אוּן מֶען וֶועט דִיר אַרַיין טְרָאגְן אִין קוֹדֶשׁ הַקֳּדָשִׁים, דוּ וֶועסְט זוֹכֶה זַיין צוּ וֶוערְן אַ הֵיילִיגֶער אִיד אוּן צוּ דִי הֶעכְסְטֶע דַרְגוֹת שֶׁבָּעוֹלָם.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן פָאלְגְן דֶעם רֶבִּי'ן וֶועלְן מִיר הָאבְן אַ שֵׁיינֶע לֶעבְן, אָמֵן.

כולל היכל הקודש

בנשיאות הראש ישיבה שליט"א

# התודה והברכה

לידידינו היקר

הר"ד **יעקב האלפערין** שליט"א

**שנדב סכום הגון לכוללינו**

בברכה

הנהלת הכולל